# פּרשת פּינחס 5757

## אליגרשון גאָלדין

די סדרה פּינחס איז זייער אַ לאַנגע, און האָט אַ סך פֿאַרשידענע פּאַסירונגען, אידעעס, און פֿאַרשטעלונגען. איך בין ניט קיין מייוון וועגן תּורה, און אויך ניט פֿון לשון ייִדיש, אָבער איך וועל פּראָבירן צו אָנשרײַבן אַ פּאָר ווערטער אַזוי ווי איך האָב צוגעזאָגט.

ערשטנס, וועגן פּינחס אַליין, איז אָנגעשריבן זייער ווייניק, כאָטש די סדרה איז אַ נאָמען געגבן נאָך אים. ער האָט געהרגעט די צוויי מענטשן וואָס האָבן געהאַט די חוצפּה דאַווקע צו דינען דער בעל פּאור מיט זייער מאָדנע שטיק, וואָס איז געווען פּונקט אַנטקעגן די לערערײַ פֿון משה רבינו. גאָט האָט געלויבט פּינחס ווײַל ער האָט אַזוי שטאַרק געשטאַנען פֿאַר תּורה.

אין אונזער תּקופֿה, אפֿשר קומט עס אויס ניט אַזוי לויבווערדיק, אָבער אין דער צײַט פֿון יציאת מיצרײַים, איז עס ניט געווען אומגערעכט, ווײַל דער ציל פֿון ייִדישקייט איז אַז מיר זאָלן ניט דינען אַנדערע געטער- נאָר ה׳ אחד.

דערנאָך, די תּורה רעדט וועגן דעם צווייטן פֿאָלקסציילונג. עס איז אינטערעססאַנט אויסצוגעפֿינען אַז מיט אַלע זייערע צרות און פּראָבלעמען וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט — מלחמות, און מגיפֿות, און נאַטירליכע אָנווער — איבער די כמעט 40 יאָר אין מדבר, איז אויסגעקומען אַז די ציילונג פֿון זיי איז געווען אַן ערך די זעלבע ווי בײַ דעם ערשטן ציילונג. דאָס ווײַזט אויס אַז אפֿילו אַז זיי האָבן ניט אָפּגעהיט די הויפּט מצוות פֿון גאָט, האָבן זיי געהיט די מצווה פֿון פּרו ורבֿו!!

דער דריטער פּונקט אין סדרה איז וועגן די טעכטער פֿון צלפֿחד. זיי האָבן געבעטן בײַ משהן אַז זיי זאָלן קענען ירשנען די פֿאַרמעגנס פֿון זייער טאַטע וועלכער איז געשטאָרבן און האָט ניט איבערגעלאָזט קיין זון. משה האָט באַטראַכט און גערעדט מיט גאָט און געענטפֿערט אַז זיי קענען יאָ יאַרשענען פֿון זייער טאַטן. איך ווײַס ניט צי, אין אונזער צײַט, די פֿרויען וואָלטן אין גאַנצן צופֿרידן זײַן מיט אַזאַ געשלאָס, אָבער אַ פּנים זײַנען די טעכטער יאָ געווען צופֿרידן.

דעמאָלט האָט גאָט געזאָגט נאָכאַמאָל צו משהן אַז ער וועט ניט אַרײַנגיין צום ארץ, אָבער אָנקוקן פֿון ווײַטנס האָט ער אים געלאָזט. דער משל איז, איך מיין, אַז גאַנץ אָפֿט קענען מיר ניט צושטיין צום ציל וואָס מיר אַרבעטן פֿאַר, אָבער מיר זײַנען פֿונדעסטוועגן מחויבֿ אָנצוהאַלטן מיט אונזער אַרבעט און, האָפֿנדיק, וועלן מיר כאָטש האָבן אַ זעונג פֿון דער ציל, אפֿילו אַז מיר מיר קענען ניט צושטיין.

דערנאָך דערציילט די סדרה וועגן אַלע קרבנות וואָס מען האָט געדאַרפֿט ברענגען צו דעם בעת המקדש טעגליך און צו אַלע יאָמטאָווים. ר׳ הירש זאָגט אַז דאָס וואָרט ״ככל״ ווײַזט אַז משה האָט ניט נאָר געהייסן וואָס צו טאָן נאָר אויכעט ווי אַזוי צו טאָן. און דאָס ווײַזט אַז עס איז געווען אַ תּורה שבעל-פּה צוזאַמען מיטן תּורה בכתבֿ.